# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת שמיני תשפ"ד שנה י | גליון מס' 528

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## די כללות'דיגע יצר הרע און די פריוואטע יצר הרע

**"וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה' תַּעֲשׂוּ וְיֵרָא אֲלֵיכֶם כְּבוֹד ה'"** (ט ו)

אויף די ווערטער אין די תורה הק' דרש'נען די חכמים אין מדרש: (תו"כ ט ו) "אמר להם משה לישראל: אותו יצר הרע העבירו מלבכם, ותהיו כולכם ביראה אחת ובעצה אחת לשרת לפני המקום... עשיתם כן, 'וְיֵרָא אֲלֵיכֶם כְּבוֹד ה'".

ווען מען קוקט אריין אין מדרש זעט מען אז דער מדרש רעדט פון א ספעציפישער יצר הרע, ער זאגט 'אותו' יצר הרע. פרעגט זיך די שאלה פון וועמען רעדט ער דא?

געט דער 'חידושי הרי"מ' צו פארשטיין: מיר ווייסן דאך אז יעדער איד איז דא אויף די וועלט מיט איין באשטימטער תפקיד און די תפקיד קען נאר ער אויספירן. דער יצר הרע ווייסט אז דער שלימות פון דער מענטש ליגט אין די נקודה און ער פארלייגט זיך זייער שטארק אויפ'ן מענטש אז דווקא די זאך זאל ער נישט אויספירן.

וואס איז די נקודה פון א מענטש וואס נאר ער קען אויספירן? דאס ווייסט נאר דער מענטש אליין און קעגן דעם יצר הרע האט משה רבינו גערעדט. ער האט זיי געזאגט אז די ספעציעלע סארט יצר הרע וואס פלאגט אייך, אים זאלט איר מעביר זיין פון אייער הארץ און מיט דעם וועט איר זוכה זיין צו וואס עס שטייט שפעטער: "וירא עליכם כבוד ה'".

פון דעם געדאנק קומט אויס אז עס איז דא צוויי ערליי יצר הרע'ס. עס איז דא כללות'דיגער יצר הרע און עס איז דא די פרטית'דיגע יצר הרע און יעצט האט משה רבינו גערעדט וועגן די פרטית'דיגער וואס יעדער איד האט, אז דאס זאל ער עוקר זיין מלבו.

מיט דעם געדאנק קען מען פארשטיין די דאפעלטע לשון וואס מען זאגט יעדן טאג ביים דאווענען ביי די ברכה פון "המעביר שינה". דארטן דאפלט מען די יצר הרע, מען זאגט "ואל תשלט בנו יצר הרע" און שפעטער בעט מען נאכאמאל "וכוף את יצרנו להשתעבד לך" ווייל מען רעדט דא קעגן צוויי ערליי יצר הרע, איינס די כללות'דיגע און די צווייטע איז די פרטית'דיגע.

'אמרי הרי"מ'; 'טללי אורות - שנים מקרא' בשם 'אמרי דוד'

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## משנכנס ניסן איז מען מרבה באמונה

מיר שטיין ביים שוועל אריינצוגיין אין חודש ניסן. אין דעם חודש האט כלל ישראל זוכה געווען צו יציאת מצרים, צו ווערן דער אויסדערוועלטער פאלק פון הקב"ה, די חודש איז דער יסוד האמונה פון אלע דורות.

איך האב געטראכט אז עס קען זיין אז אזוי ווי חודש אלול ווערט ביי אונז אידן באַ'טיטול'ט אלץ דער "חודש הרחמים והסליחות", דארף דער חודש באַ'טיטול'ט ווערן אלץ דער: "חודש האמונה והבטחון", ווייל אין דעם חודש איז א איד קונה די אמונה.

דער יסוד האמונה ביי א איד איז אז הקב"ה איז דער איינס איינציגסטער אויף די וועלט און דאס גייט צוזאמען מיט יציאת מצרים, ווי מיר זעען ביי די ערשטע דיבור וואס הקב"ה האט גערעדט צום כלל ישראל ביים בארג סיני. די דברות הייבן זיך אן מיט די ווערטער "אנכי ה' אלקיך", דער יסוד פון די אמונה, און גלייך נאך דעם שטייט: "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", ווייל די צוויי זאכן שפאנען אינאיינם, האנט ביי האנט.

די חודש איז די חודש פון חיזוק אין אמונה און אין איר איז מען זיך מחזק אין די אמונה וואס גייט אריבער ביי אונז מדור לדור און זיך צו שטארקן אין די אמונה פאדערט זיך פון אונז אז מיר זאלן מיטלעבן די אמונה, אז עס זאל זיין לעבעדיג און ווי דער בעל הגדה זאגט שוין: "בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים", ווייל אויב די אמונה איז מוחשי, לעבעדיג, גייט עס אריין אין די ביינער.

עס קען זיין אז די סאמע בעסטע וועג ווי אזוי מען קען עס מאכן איז דורכ'ן עטפערן אמן, ווייל אמן שרייט אויס די אבסאלוטע אמונה איז דער בורא עולם און ווי די גמרא אין שבת זאגט (שבת קיט ב) אז אמן איז נוטריקן "א-ל מלך נאמן" און רש"י אויפ'ן ארט (שם ד"ה א-ל) זאגט אז דער וואס ענטפערט אמן איז ווי ער איז מעיד יעדער מאל אז דער רבוש"ע איז א "א-ל מלך נאמן".

דער רבינו בחיי אין זיין ספר כד הקמח [ערך אמונה] רעדט ארום זייער שטארק וועגן די נקודה און איז משלב די קשר צווישן פון אמונה ביז אמן.

מיר ברענגען דא אראפ זיינע ווערטער:

"צריך אדם להיזהר בתפלה ובברכות שיענה אחריהם אמן, שהיא מילה נגזרת מלשון אמונה. וכל מי שעמדו אבותיו על הר סיני וקבלו התורה הנקראת אמונה, והוא מזרעו של אברהם אבינו שהוא ראש האמונה, דכתיב בו (בראשית טו ו): 'והאמין בה'', חייב הוא לכוון לבו ומחשבתו בעניית אמן".

די זעלבע געדאנק טרעפט מען אויך אין שלחן ערוך (או"ח קכד ו) וואו ער שמועסט אויס די כוונה אין דער אמן און דאס זענען זיינע הייליגע ווערטער אויפ'ן ארט: "אמת היא הברכה שבירך המברך ואני מאמין בזה".

פון דעם קומט אויס דער אויבענדערמאנטער יסוד אז די צוויי זאכן גייען אינאיינעם, די אמונה מיט דער אמן, אז דער אמן באשטעטיגט די אמונה. מען קען צולייגן דערצו נאך א געדאנק, מען טרעפט אין די קדמונים אז אמן איז די ראשי תיבות פון די ווערטער: "אני מוסר נפשי", ווייל די מהות פון אמן איז אמונה און אמונה גייט צוזאמען מיט מסירות נפש!

אז מיר ווען זיך מחזק זיין די חודש אין דער זאגן 'אמן' ווען מיר מיט דעם שטארקן אונזער אמונה אויף אגאנץ יאר, ווייל חודש ניסן איז דער יסוד האמונה.

איך אויף דער געדאנק איז דא א שיינע רמז פון די תורה, דער פסוק וואס רעדט ארום פון די חודש איז אין (שמות יב ב): און דארט שטייט "החדש הזה לכם ראש חדשים ראשון הוא לכם לחדשי השנה". ווען מען וועט אריינקוקן אין די סופי תיבות פון די ווערטער - "ראשון הוא לכם" וועט מען זען אז עס איז די סופי תיבות פון אמן.

דאס איז א רמז אז אין די טעג דארף מען מער ווי אגאנץ יאר עוסק זיין אין אמונה, אין די טעג ווען מיר מער ווי אייביג זיך מתגבר זיין און ענטפערן אמן אויף די ברכת השחר בצוותא און אין דעם זכות וועט מקויים ווערן די ווערטער פון חז"ל (ר"ה יא ב) "בניסן נגאלו ובניסן עתידים להיגאל" אמן ואמן.

**מיט א קריאה פון "אני מוסר נפשי".**
**שבת שלום,**

יעקב דוד מארמארשטיין

# — פראטעקציע - אין די ריכטיגע פלאץ —

ווען זבולון האט זיך אריבערגעצויגן וואוינען אין א נייע שטאט איז ער געווען רואיג אז ער האט וואו צושיקן די קינדער.

נאך איידער ער האט אריבערגעפירט זיין

הערנדיג דאס האב איך באשלאסן אז אנשטאט אז איך זאל ארומגיין און פראטעקציאנירן דא און דארט וועל איך טון וואס א איד האט צו טון, איך וועל זיך ווענדן צום טאטן אין הימל און מתפלל זיין ביי אים. בנוסף זייענדיג נאנט צו איינער פון די צדיקי הדור פון די פריערדיגע דור, בין איך אריבער צו זיין ציון אין דער בית החיים פון הר המנוחות און דארטן מתפלל געווען להצלחת הענין.



די הר המנוחות בארג

וואוינארט צו די נייע געגענט האט ער זיך אינטערעסירט און געהערט אז אין די שכונה איז דא א גוטע תלמיד תורה און אין איר איינגעשריבן זיינע דריי לעכטיגע קינדער.

א שטיק צייט איז פארביי. אויבנאויף האט אלעס אויסגעזען כשורה, די קינדער זענען געווען צופרידן, אבער ביסלכווייז האט אנגעהויבן קלינגען ביי אים אין קאפ רויטע גלעקלעך, די קינדער האבן גערעדט פון זאכן וואס זענען אומהיימיש, באגריפן וואס מען לערנט אין שוואכע תלמיד תורה'ס, עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער מוסד איז היבש שוואכער ווי די מוסדות'ער וואו ער פלעגט שיקן געוויינליך.

"איך מוז זיי ארויסנעמען פון דא". האט זבולון געטראכט צו זיך.

פון טאג צו טאג איז די געפיל אז איך דארף אריבערלייגן די קינדער אין אנדערן תלמיד תורה געווארן שטערקער און שטערקער, אבער וואו שיק איך זיי?

דאסמאל האב איך שוין געמאכט א שטארקע נאכפראגע ביי די ארומיגע און אלע נאנטע האבן ממליץ געווען אויף איין געוויסע תלמיד תורה, אבער מיט וועמען איך האב גערעדט האט מיר געזאגט אז עס איז טאקע אן אויסגעצייכענטע תלמיד תורה, אבער עס איז איבערגעפולט און די שאנסן אז מען זאל אננעמען מיינע קינדער איז זייער שוואך.

הערנדיג דאס האב איך באשלאסן אז אנשטאט אז איך זאל ארומגיין און פראטעקציאנירן דא און דארט וועל איך טון וואס א איד האט צו טון, איך וועל זיך ווענדן צום טאטן אין הימל און מתפלל זיין ביי אים. בנוסף זייענדיג נאנט צו איינער פון די צדיקי הדור פון די פריערדיגע דור, בין איך אריבער צו זיין ציון אין דער בית החיים פון הר המנוחות און דארטן מתפלל געווען להצלחת הענין.

ווען איך האב געענדיגט די תפילות האב איך אופגעהויבן א טעלעפאן צו יענער מוסד, איך האב געבעטן אז איך וויל רעדן צו דער מנהל. מען האט מיר אריבערגעפירט און נאכ'ן זיך פארשטעלט אז דא רעדט זבולון האב איך אים געזאגט אז איך האב געהערט זייער גוטע גריסן איבער די תלמיד תורה און איך וויל דא ארייננשיקן מיינע דריי קינדער.

"הארצן גערן, קענסט שוין אריבערקומען אהער און איינשרייבן דיינע קינדער".

איך האב נישט געגלייבט וואס מיינע אויערן הערן. עס האט אויסגעזען צו גוט עס זאל קענען זיין אמת, אבער נאך איידער ער האט געקענט צוריקציען בין איך אריבערגעקומען אין חדר און איינגעשריבן אין איר מיינע קינדער.

"דער קינד וועט גיין צו דעם רבי'ן, דער צו דעם רבי'ן". און אזוי האט דער מנהל אויסגערעכנט איינער נאך די אנדערע ווען כ'שטיי אין די זייט און כ'גלייב נישט וואס מיינע אויערן הערן.

מעומק הלב האב איך געדאנקט הקב"ה פאר די אויסטערלישע חסדים און דעם קומענדיגן אנהייב וואך זענען מיינע קינדער אריין אין דעם מוסד.

א וואך דערויף איז קלאר געווארן דאס בילד. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אין די זעלבע צייט ווען איך האב אנגעקלינגען האט א צווייטער איד מיט די זעלבע נאמען ווי מיר אריינגעקלינגען אין דער מוסד זאגנדיג אז ער וויל דא ארייננשיקן די קינדער.

דער מנהל האט אים געזאגט אז עס איז אוממעגליך, דער מוסד איז איבערגעפולט, אבער דער איד האט דערציילט אז ער קומט אהער אויפ'ן באפעל פון דעם און דעם נגיד.

דער נגיד האט טאקע אנגערופן יענעם טאג אין די תלמיד תורה און זייענדיג איינער פון די גרויסע שטיצער האט מען אנגענומען אלע זיינע קינדער, אבער דא איז געשען א טעות, ווען איך האב אריינגעקלינגען און געזאגט אז איך וויל ארייננשיקן דא מיינע קינדער, איז דער מנהל געווען זיכער אז איך בין דער וואס קומט בשם דער עושר, אין וויסטן חלום האט ער זיך נישט געגרייט אויף וואס עס גייט פאסירן מיט עטליכע שפעטער, אז נאך דעם וואס ער גייט אראפלייגן דער טעלעפאן מיט אים וועט קומען צוגיין נאך א טעלעפאן און אז דער צווייטער וועט האבן די זעלבע בקשה און בעטן אז ער וויל אז מען זאל אים ארייננעמען די קינדער.

"אבער איך האב דאך יעצט גערעדט מיט דיר". האט זיך דער מנהל אויסגע'טענה'ט.

ווען יענער האט אים קלארגעשטעלט אז דער נדיב האט געקלינגען וועגן אים און אז עס איז דא געשען א טעות איז שוין געווען צושפעט ער זאל קענען צוריקדרייען דעם זייגער, ער האט געמוזט אננעמען ביידע.

ענדע זענען זיי אויך אריין אין די דער מוסד אבער די חילוק איז געווען צו וועמען זיי האבן זיך געוואנדן פאר שתדלנות, אינדערצייט וואס ער האט זיך משתדל געווען ביים בשר ודם, ביי דער גביר און דורך אים איז געקומען די ישועה, האט ער געמאכט השתדלות ביים בורא כל העולמים, ווייל ביי אים קען יעדער זען די ישועה.

'השגחה פרטית' - תצווה תשפ"ד

# דרך אמונים

## פניני הלכות פון ענטפערן אמן

### גדר נשיאת כפים בברכת כוהנים

"וַיִּשָּׂא אַהֲרֹן אֶת יָדָו אֶל הָעָם וַיְבָרְכֵם וַיֵּרֶד מֵעֲשֹׂת הַחַטָּאת וְהָעֹלָה וְהַשְּׁלָמִים" (ט כב)

פון דער ווארט "וַיִּשָּׂא" וואס שטייט די וואך ביי ברכת כהנים דרש'ענען חכמים (סוטה לח א) אז ווען מען זאגט די פסוקים פון ברכת כהנים דארף דער כהן אויפהייבן זיינע הענט אינדערהייך. ['נשיאות כפים'].

יעדער איז מודה אז מען דארף אויפהייבן די הענט אינדערהייך, עס איז אבער דא א וויכוח ווען מען דארף עס אויפהייבן, צי פאר ווען מען מאכט די ברכה "אשר קדשנו במצוותו של אהרן" אדער נאך נאך דעם, ווען מען הייבט אן זאגן 'יברכך'.

דער '**שולחן ערוך הרב**' (או"ח קכח יז) פסק'נט אז מען הייבט אויף די הענט ביי 'יברכך' און נישט ביי די ברכה, ווייל די פסוקים איז דאך דער עיקר פון די 'נשיאות כפים' און די ברכה איז נאר א הקדמה און אזוי ווי אייביג איז די ברכה נאר א הקדמה האט עס נישט קיין טעם אויפצוהייבן ביי די הקדמה.

דאגעגן ברענגט אראפ דער רב פון ספינקא **רבי נחמן כהנא** אין זיין ספר ('ארחות חיים' שם יד, הובא ב'כף החיים' שם עו) בשם דער ספר '**פענח רזא**' (במדבר ו כז) אז די מצוה איז דער זאגן די ברכה און די נשיאת כפיים איז נישט א חלק פון די מצוה און אז עס זאל נישט זיין א הפסק צווישן די ברכה און די מצוה, זאל מען אויפהייבן די הענט איידער מען מאכט די ברכה.

א שיינער באוויז צו זיין שיטה ברענגט דארט אראפ דער 'פענח רזא' פון דער פסוק אין תהלים (תהלים קלד ב): "שְׂאוּ יְדֵכֶם קֹדֶשׁ וּבָרְכוּ אֶת ה'"; פון דער פסוק זעט מען אז ערשט איז מען מקיים דער "שאו ידכם" און נאר נאך דעם איז מען מקיים דער "וּבָרְכוּ אֶת ה'" וועלכע איז מרמז אויף די ברכה "אשר קדשנו בקדושתו של אהרן".

אויך דער '**בנין אריאל**' (ח"ב מסכת סוטה) רעדט ארום פון דעם און ברענגט אויך אראפ א רמז אז די נשיאות כפיים דארף זיין פאר די ברכה פון די גמרא (סוטה לט א) אז ווען מען האט געפרעגט פאר רבי אלעזר בן שמוע די שאלה פון "במה הארכת ימים?" האט ער געענטפערט: "מימי לא נשאתי כפי בלא ברכה".

אויבנאויף איז די תשובה שווער צו פארשטיין אבער לויט ווי מיר האבן פריער געזאגט קען מען פארשטיין אז ער האט זיך געריסט אז ער האט מקפיד געווען נישט אויף צו הייבן די הענט צו ברכת כהנים, ווייל ער האט געהאלטן אז אויפהייבן די הענט איז א חלק פון די מצוה.

# תענה אמונים

## פערל וועדטער אויף די מצוה פון תפילה

### די תנאים פאר השראת השכינה – שישים רבוא

"לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם; בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ"

פארוואס רופט די תורה הק' אן ארץ ישראל מיט'ן לשון "ארץ כנען" עס וואלט געדארפט שטיין "ארץ ישראל"?

**רבי שלמה מחעלמא** דער בעל "מרכבת המשנה" געט צו פארשטיין אז די תשובה פאר איר טרעפט מען אין פסוק אליין, ווייל חז"ל זאגן אונז (ראה זהר נח עג א; 'ילקוט ראובני' וישב) אז די חילוק צווישן ווען עס הייסט "ארץ ישראל" און ווען עס הייסט 'ארץ כנען' איז אין די השראת השכינה. אויב די שכינה רוט אין איר איז עס "ארץ ישראל". ווען עס רוט נישט אין איר ווערט עס אנגערופן "ארץ כנען" און צי עס איז דא השראת השכינה אדער נישט, ווענדט זיך ווי גוט כלל ישראל איז און אויך וויפיל אידן עס איז דא און ווי חז"ל זאגן שוין (ב"ר עד יז): "אין שכינה שורה בפחות משישים ריבוא". און דאס איז כוונה פון דער פסוק: ווען הקב"ה האט מבטיח געווען אז ער וועט געבן ארץ ישראל פאר די אידן האט עס געהייסן "ארץ כנען".

פארוואס? זאגט דער פסוק ווייטער ווייל עס איז געווען "מתי מספר" און אז עס איז נישט דא קיין זעקס הונדערט טויזנט אידן קען די שכינה נישט רוען אין איר. ('מרכבת המשנה' עה"ת עמ' רעא).

### וכל מאמינים

זאגט דער הייליגער מגלה עמוקות: "וועגן דעם איז דער וואס ענטפערט אמן א 'שומר אמונים' (שבת קיט ב) ווייל דורכ'ן ענטפערן אמן היט מען אפ די אמונה, ווייל **די עיקר אמונה ווענדט זיך אין עניית אמן**. ('מגלה עמוקות' האזינו).




# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד דער נשיא פון 'בני אמונים'
הרב יעקב דוב מארמערשטיין שליט"א
שלום וברכה!

מיט א שיר וקול תודה וויל איך זיך באדאנקען פאר אייערע פעולות און פאר די הערליכע גליונות וואס גייען ארויס יעדע וואך און אויף די שיינע פערל ווערטער מיט די געשמאקע רמזים וועלכע טרעפן אלעמאל צו אין פינטל.

אין די בחינה פון "נאה קורא ונאה מקיים" האב איך מצליח געווען אויפצושטעלן ביי מיר אין געגענט אן אייגענע חברותא אויף ענטפערן אמן און ברוך השם אז די גאנצע מנין ענטפערט אמן בזכות פון דעם און אז איך קען דאווענען אין א מנין פון עוני' אמן.

אין די גליון פון פרשת בשלח האט איר אראפגעברענגט די ווערטער פון דער רבינו בחיי (שמות יד לא) אז די מצוה פון ענטפערן אמן האבן די חכמים מתקן געווען איינצוארצלען אין אונז די הייליגע אמונה.

לייענדיג דאס איז מיר איינגעפאלן א שיינער רמז וואו די יסוד איז מרומז. מיר זאגן אין תהלים (פט ב): "חַסְדֵי ה' עוֹלָם אָשִׁירָה לְדֹר וָדֹר אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" אז מען איז מודיע די אמונה אין הקב"ה פאר די גאנצע וועלט. אויסער וואס על פי פשטות קען מען זאגן אז די ווערטער: "אודיע אמונתך בפי" זענען מרומז אויף עניית אמן, ווייל דורך די אמן איז דא מער אמונה, איז דא נאך א רמז, ווייל דער ווארט "אודיע" איז די זעלבע גימטריא ווי "אמן"!

מיט א תפילה אז הקב"ה זאל אראפשיקן פון אויבן א רוח טהרה אויף אלעמען אז מיר זאלן זוכה זיין צו פארשטיין די גרויסע כח פון אמן און אז מיר זאלן זוכה זיין מקיים צו זיין דער פסוק "אודיע אמונתך בפי" בשלימות.

בברכה וביקר
**שלמה לייב טרויבע**
פה עיה"ק ירושלם תובב"א

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

## שערי ישועה

### די סגולה פון ענטפערן אמן

## א ברכה אשר יצר מיט אן אמן און אמעריקאנער בירגערשאפט

הרב ר. איז אן אייראפישער בירגער וואס וואוינט שוין לאנגע יארן אין אמעריקע. ווי עס איז ברייט באקאנט איז דער פראצעדור צו ווערן אן אמעריקאנער בירגער א פארוויקעלטער און עס קען געדויערן לאנגע יארן ביז ווען עס קומט אן.

נאכ'ן אריבערגיין א לאנג פארצויגענער פראצעדור איז דער לאנג דערווארטעטער טאג אנגעקומען. ער איז געלאדענט געווארן צו א באשטימטע אפיס, וואו ער האט אריינגעגעבן די פאפירן און פון דארט און ווייטער דארפן די זאכן גיין געשמירט.

צו די גליקליכקייט פון הרב ר. איז נישט געווען קיין גרעניץ, יענער אינדערפרי ווען ער האט געדארפט אנקומען אין די אפיס האט ער געמאכט די ברכת השחר ווי זיין שטייגער איז און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

בערך צען אזייגער, אביסל פאר ווען די באגעגעניש האט ער געדארפט פארקומען האט ער דערגרייכט די ביורא'ען און נאך א שנעלער זיך אומקוקן איז ער אריין אין די געביידע, אבער צו זיין שרעק איז נישט קיין גרעניץ, זעענדיג אז פון גרויס געיעג האט ער פארגעסן די וויכטיגסטע זאך וואס ער דארף צום דעם באגעגעניש,זיין פאספארט.

אויב ער וועט צוריק אהיימגיין וועט ער זיכער דערלייגן זיין אבער אויב ער וועט אינגאנצן אוועקגיין פון דא וועט ער אויך פארלירן די אפויטמענט, נישט וויסנדיג וואס איז בעסער, האט ער באשלאסן אז ער גייט אויסווארטן אויף זיין באגעגעניש און אפשר וועט אים די מזל שפילן. ער האט זיך געזעצט ווארטן אין די רייע און מתפלל געווען לטוב.

ביני לביני האט ער זיך געדארפט ארויסגיין און נאכ'ן זיך וואשן די הענט האט ער געדארפט מאכן די ברכה פון 'אשר יצר'. זייענדיג געוואוינט צו זוכן נאך איינער וואס קען ענטפערן נאך די ברכה האט ער זיך אומגעקוקט אויף אלעמען אבער ער האט נישט געטראפן דארט קיין שום היימישער פנים.

נישט טרעפנדיג קיין היימישער פנים האט ער געמאכט די ברכה הויך און קלאר און אויסגעלאזט מיט די ווערטער "ומפליא לעשות" ווען פלוצלונג הערט ער ווי איינער ענפערט אמן. ער האט זיך ארומגעדרייט צוזען ווער עס איז און באגעגנט א פיינער איד. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אויך ער האט געדארפט מאכן די ברכה און געזוכט אז ער זאל ענטפערן אמן נאך זיין ברכה. ווען די אמן אויסטויש האט זיך געענדיגט האט יענער איד אים געפרעגט וועגן וואס ער איז דא און ער האט אים דערציילט די גאנצע מעשה מיט די פאספארט.

"הער מיר אויס". האט דער איד געזאגט און זיך פארגעשטעלט אלץ דער איינגעשטעלטער אדוואקט פון די עמיגראציע סיסטעם.

"זאלסט בשום אופן נישט צוגיין צו די דעסק אן א פאספארט. אז דו וועסט עס טון וועסטו פארלירן דיין שאנס צו באקומען בירגערשאפט אויף אייביג. איך עצה דיר, בעסער בלייב דא און בעט אז מען זאל עס שיקן פון שטוב".

דער איד האט צוגעלייגט אז ער איז נאך דא דריי שעה און אויב עס וועט דאט זיין וועלן מיר עס קענען מסדר זיין. דער איד האט טאקע אהיימגערופן און געבעטן אז מען זאל ארויסשיקן די פאספארט, צוויי שעה שפעטער איז דער פאספארט געווען דארט און מיט דער הילף פון דעם אדוואקאט האט ער באקומען די שריפטן גרינג און גלייך.

היינט איז הרב ר'. אן אמעריקאנער בירגער אבער מער ווי אלעס איז ער א "צדיק שומר אמונים" און מוטיגט אנדערע צוגיין אין זיינע וועגן נאך דעם וואס ער האט מיטגעלעבט אזא פערזענליכער איבערלעבעניש.

## שערי גן עדן

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די מצבה פון רבי חיים יצחק אייזיק יוסטמאן אין די בית החיים אויף די גענשא גאס אין די שטאטווארשע

## רבי חיים יצחק אייזיק יוסטמאן

### ג' בניסן תרע"א

דער צדיק רבי חיים יצחק אייזיק יוסטמאן איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי יעקב אריה אין יאר תקצ"ג. זיין תורה האט ער קונה געווען ביי זיין הייליגן רבי'ן דער בעל חידושי הרי"ם און זיך אויך געציילט אויף זיינע גרויסע תלמידים.

אלע זיינע יארן האט ער עוסק געווען בתורה. ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן אסאך תלמידים און זיין גוטער נאמען, איבער זיין אויסטערלישע גאונות האט גע'שמ'ט איבעראל.

עס איז געבליבן פון אים אסאך ספרים סיי אויף ש"ס און סיי על התורה און אויך אויף דער ספר הזוהר און אויף אנדערע ספרי קבלה, א חלק פון זיינע ספרים זענען געדרוקט אין זיין ספר 'חיי יצחק' על התורה און אין זיין ספר 'שיח יצחק' על הש"ס.

אין די הקדמה פון זיין ספר איז ער מבטיח אז ווער עס וועט דרוקן זיינע ספרים אדער עס קויפן וועט ער מליץ יושר זיין פאר אים און שטיין צו די רעכטע האנט אין יעדע חולי אדער צרה.

ער איז נפטר געווארן ג' ניסן תרע"א, ער ליגט אין די בית החיים גענעשא אין ווארשע.

## מיט די אמן פון רבקה אמנו האט זי מקיים געווען די ברכות פון יצחק אבינו

נאך דעם וואס די תוה"ק דערציילט איבער די ברכות וואס יעקב אבינו האט באקומען פון יצחק שטייט אין די תוה"ק דער לשון (בראשית כז ל): "ויהי אך יצא יצא יעקב מאת פני יצחק".

לכאורה איז שווער וואס איז דער דאפעלטער לשון פון "יָצֹא יָצָא יַעֲקֹב"? נאר עס קען זיין אז עס קומט מרמז זיין אז נאך די ברכה פון וואס יעקב אבינו האט באקומען האט רבקה געענטפערט אמן און עס איז מרומז דא, ווייל אמן איז די גימטריא פון צ"א.

די טעם פארוואס די תורה דאפלט דער: "יצא יצא" איז ווייל די תוה"ק וויל אונז אויסלערנען אז אויף ביידע ברכות פון יצחק האט רבקה געענטפערט אמן, אזוי ווי מיר פירן זיך צו ענטפערן אמן נאך יעדע שטיקל פון ברכת כהנים.

עס איז אויך וועגן דעם אז ווען יצחק האט מגלה געווען די טעות האט ער נאכאמאל געזאגט אויף יעקב (להלן פס' לג): "גַּם בָּרוּךְ יִהְיֶה" ווייל ער האט געוואוסט אז אויף א ברכה וואס מען האט געענטפערט אמן וועט מקויים ווערן.

די בחינה איז אויך מרומז אין די ווערטער וואס רבקה האט געזאגט פאר יעקב (בראשית כז ו -ז): "הנה שמעתי את אביו מדבר אל עשו אחיך לאמר; הביאה לי ציד ועשה לי מטעמים ואכלה ואברככה לפני ה'". דארט האט רבקה צוגעלייגט די ווערטער "לפני ה'" ווייל זי האט אינזינען געהאט אויף די אמן וואס זי גייט ענטפערן און ווייל די אמן מאכט די ברכה פאר א ברכה, האט זי מרמז געווען אויף דעם זאגנדיג 'לפני ה' ווייל אמן איז מרמז אויף ה', ווייל אמן איז די גימטריא פון צ"א וואס באטרעפט כמנין די שמות הוי"ה ואדנות ('חיי יצחק' פרשת תולדות).